# שבת בלעטל

פרייטאג, יולי 8, 2011 – ערב-שבת פרשת בלק, תשע״א ~ נומ. 3

**ליטעראטור / א רייזע אין דער פרשה:**

פון: י.ל. געבירטיג

## שווארצע נבואות

נאכט. דער הימל איז אויסגעלייגט מיט טויזנטער שטערן וואס צאנקען און טאנצן פונדערוווייטנס, ס׳איז שוין ענדע ווינטער, נאר אין וואלד איז נאך דער שניי אויסגעלייגט ווי ס׳וואלט הערשט נעכטן געפאלן. ווייניג האבן דא אויף דעם פלאץ ווען עס איז אמאל איבערגעטרעטן. נאר איינער, א הויכער יונג מיט שארפזיניגע אויגן, לאנג באוואקסענע לאקן און א חנ׳עוודיג פנים שפאצירט אליין צווישן די הויכע ביימער. א מינוט לייגט ער זיך אנידער אויף דער ערד, באנירט דעם שניי און לאזט אביסל אין מויל אריין. מעסט אפ יעדעס ברעקל, זאגט ארויס אפאר מאדנע ווערטער פון מויל, שטעלט זיך דערנאך ווידער אויף און קוקט זיך איין פאר׳חלומ׳ט אין די שלאנקע דינע ביימער.

שוין לאנג וואס ער דרייט זיך דא, ער האט אפילו שוין גענעכטיגט אויף דער קאלטער ערד אומצאליגע מאל. דא צווישן די ביימער און גראזן, צווישן הימל און ערד, איז אים אזוי גוט. ער פילט גארנישט דעם טויש צווישן קעלט און היץ וואס ווערט ענטשטאנען מיטן אנקומען פונעם ווינטער אדער זומער. די מקרים פון דער וועלט לויפן אים פארביי, נאר רירן אים נישט אן. די חברים זיינע קוקן אויף אים מיט מאדנע בליקן, שושקען זיך אפט וועגן זיין משונה׳דיגער אויפפירונג, נאר זיי ווייסן אז נאך דעם צייט-פעריאד וואס ער ווײלט אין שויס פון נאטור צעוואקסט זיך אין אים אזא ליבשאפט צו אלע מענטשן, צו אלע חיות און אלע באשעפענישן. זיין געשטעל, ווי מאדנע ס׳איז דער ערשטער איינדרוק וואס עס גיט, פאנגט עס שטארק דאס הארץ פון מענטשן. די איינוואוינער אין ארם, די שטאט וואו ער איז געבוירן און געהאדעוועט געווארן, ווייסן אלע צו זאגן פון דעם מאדנעם אינגל וואס גייט טאג און נאכט אויף התבודדות אין די וועלדער. ער איז ביי יעדן באליבט און געשעצט, ס׳איז ביי זיי קיין ספק נישט אז די געטער וועלן מיט זיי גוטס טון א דאנק דעם גייסטליכן מענטש וואס וואוינט ביי זיי אין שטאט.

דאס אינגל האט שוין לאנג נישט געגעסן קיין רעכט מענטשליך עסן, ערנערט זיך בלויז פון בלעטער און גראזן, ס׳דערקענט זיך אבער נישט אויף זיין פנים, ווי גאט׳ס ברכה וואלט אריין אין די געוואוקסן וואס ער נעמט אין מויל, אז זיי זאלן אים דערהאלטן ביי זיין שיינעם אויסזען, ס׳זאל נישט קאליע ווערן דאס פנים פון אט דעם וואס גערט אזוי נאך נאטור. ער האט נאך איין קני געמאכט אויף דער ערד, שטיל אויסגעשעפשעט עפעס, ווארשיינליך ריטועלע רייד, דער נאמען ״בעל״ האט זיך מערערע מאל געהערט צווישן די ווערטער. בעל, דער גרויסער גאט וואס גיט רעגן אויף דער ערד, ער וועט יעצט אפשטעלן די רעגן ווען ס׳קומט זומער. ער וויל זיך פון אים געזעגענען. דאס הייסט נישט פון אים, ער איז אימער דא, נאר פון דעם שליח זיינעם, דער פארגליווערטער שניי, ווייל ער זיך געזעגענען. ער גראבט זיך נאך איינמאל איין אין דעם ווייסן סאמעטענעם טעפיך. ער קושט עס און גלעט עס. דאס הארץ לאזט אים נישט אוועק.

ענדליך גיט זיך אים איין זיך אויפצושטעלן, ער פארטראכט זיך ווידער אינעם בוים דערנעבן. אט דאס, קלערט ער צו זיך, האט געקענט אויסוואקסן נאר א דאנק דעם כח פון דעם גרויסן און אלמעכטיגן בעל. אלעס אין דער וועלט קען נאר לעבן און אטעמען א דאנק זיינע השפעות, א דאנק זיין פארגינערישקייט. ער בייגט זיך צו צום בוים, רירט אים אן מיט זיין צארטע האנט, ער לייגט צו זיין קאפ אויף דעם, פרואווט צו פארמאכן אן אויג און איינציען א טיפן אטעם.

אין יענער רגע האט א פארטייבנדער דונער אפגעהילכט אין וואלד גלייך מיטן בליץ. דאס אינגל האט געוואלט אויפשפרינגען, ער איז אבער געווען ווי געלעמט. דאס הארץ האט געפלאטערט פון

המשך אויף זייט 2

**קאמענטאר / אין ליכט פון דער שטראַוס-קאַהן סאגא:**

פון: אח-לצרה

## מערב-וועלט קולטור און ״גוים״

די רעאקציע צו דער רעטאריק פון ״מעוררים״ וועלכע פארפירן קעגן ״שרייבן וועגן גוים, און דעם גוי׳אישן לעבנסשטייגער,״ דארף זיין אויסגעהאלטן פון א מאראלישן און ראציאנעלן שטאנדפונקט. מען דארף נישט דא אריינגיין אין דעטאלן צו עקספלארירן פון וואנעט אזא גייסטלאזער מהלך-המחשבה שטאמט אפ – דאס איז שוין באשריבן געווארן, און וועט נאך גאנץ זיכער פיל אנאליזירט ווערן אין דער צוקונפט. וואס איך וויל אבער יא ארויסברענגען איז די רעאקציע וואס דאס ברענגט ארויף ביי פילע שוחרי המוסר והשלום, וואס כאטש זיי צילן צו די ווערטן פון ליבעראליזם און טאלעראנץ, קענען זיי פארכאפט ווערן אין דעם אויסגעשפרייטן נעץ פון די וואס לעבן זיך אין זייער אייגן פארמאכטן וועלטל.

מיר טוען שטארק שעצן און האלטן טייער די אלגעמיינע קולטור. מיר אנערקענען דעם תועלת פון וועלטליכער אפנקייט, דעם מוסר פון פרייהייט, דעם תכלית פון די יסודות אויף וועלכע די מערב-וועלט קולטור איז באזירט. מיר שעצן יעדן מענטש וואס טוט גוטס, פארדאמען מענטשן וועלכע באגייען אומרעכט, מיר פרובירן צו האלטן אפן אונזערע אויגן און זיך צו האלטן ווייט פון נגיעות וועלכע קענען פארבלענדן. אבער אין אונזער ענטוזיאזם פון מענטשן-סימפאטיע, קענען מיר צומאל פארלוירן ווערן און אננעמען די נישט-ריכטיגע דירעקציע.

ווען דער פונדאמענטאליסט אטאקירט דעם ״גוי״ און דעם ״גוי׳אישן״

המשך אויף זייט 4

שרעק, ער האט געוואלט אנטלויפן, נאר ער האט קיין אבער נישט געקענט רירן. ער האט א טראסקע געגעבן אויף דער ערד און אזוי מיט האלב פארגלייזטע אויגן גענומען רעדן ווי פון היץ.

״דאס ביסטו גרויסער גאט? בעל?... דיין דונער? דיין שטורעם? אה, דאס מוז דאך זיין דיין גרויסע און הייליגע צורה... ווי איז מיר... איך וועל יעצט שטארבן. שטארבן... וועל איך עס הייסט עס מער נישט קענען בארירן די ביימעלעך, איך וועל מער נישט קענען...״ ער איז געוואוען צו שוואך און נישט געקענט נאך א ווארט אויסרעדן. ער האט געקוקט קעגן דעם גרויסן שרעקעדיגן מראה וואס האט זיך דערזען פאר זיינע אויגן און ער האט געציטערט ווי א בלעטל.

״בלעם!״ האט ער געהערט דאס קול רעדן. ״גרויסער בעל!״ האט ער געשטאמלט פון שרעק, ״גרויסער און העכסטער גאט!״

״בלעם״! האט דאס קול איבערגעזאגט.

״יא! כ׳בין דיין קנעכט פון אלעמאל. מיין צייט איז אוודאי געקומען? מיין יונג לעבן...״

״בלעם!״ האט דאס קול איבער׳געחזר׳ט דאס זעלבע, ״באנאריש דיך נישט. דערקען דאך דיין גאט!״

* * *

עטליכע צענדליגער יארן זענען פון יענעם טאג אוועק. די שווארצע לאקן פון דעם יונגן בלעם זענען היינט שוין גרוי, א לאנגע ווייסע בארד באצירט זיין פנים, און איבער גאנץ מעסאפאטאמיע ווייסט מען וועגן אים. פון אלע ארומיגע לענדער קומט מען באזוכן דעם הייליגן מענטש, וואס איז באקאנט ווי ״דער חוזה פון ארם״. די אראמעאישע מלוכה האט געלאזט אפדרוקן זיין צורה אויף די גילדערנע סלעים, די וויכטיגסטע מטבע אין דער אראמעאישער וואלוטע, וואס האט א דאנק דעם באקומען דעם צונאמען ״בלעמ׳לעך״. סטאטועס פון זיין פיגור ווערן געזען, נישט בלויז אויף די שיידוועגן פון ארם, נאר אויך איבער פיל אנדערע חשוב׳ע ערטער אין דער גאנצער סביבה.

אין דער מזרח זייט פון דער שטאט פתור אינערהאלב דער אראמעאישער מלוכה אין מעסאפאטאמיע (נישט צו פארמישן מיט ארם דמשק) איז געשטאנען דאס הויז פונעם נביא, נישט איבעריג רייך נאר אויך נישט ארעם. ס׳פלעגן קומען אהין טעגליך יונגעלייט צו לערנען חכמה ביי דעם גרויסן נביא. זיין הויפט באשעפטיגונג איז געווען אין חזיונות איבער ווייטע ווייטע תקופות, צייטן פון וועלטליכן חורבן, פון איבערקערענישן. די יונגע תלמידים פלעגן זיצן און אויסהערן מיט גרויס דורשט פרואווענדיג איינצוקריצן אין מוח די ווערטער וואס זענען ארויס פון זיין מויל.

״און קומען וועט א טאג...״ האט ער געזאגט אין א זינגעדיגן קול באגלייט מיט א טאן פון שרעק. ״וואס אט דאס פאלק, דאס אומגעוווינליכע פאלק, וועט אלעס אין דער וועלט וועלן ענדערן. דאס פאלק וועט אויסרופן מלחמה קעגן די געטער...״

״קעגן די געטער?״ האבן עטליכע תלמידים איבער׳געחזר׳ט מיט שרעק.

״יא! גאר אן אומגעוווינליך פאלק. שונאים פון גאט. זיי וועלן אלע סטאטועס אין דער וועלט צעשטויסן.״ ער האט געשוויגן א ווילע, זיך פארטראכט, דערנאך האבן די ווערטער אנגעהויבן פליסן פון זיין מויל מיט קענטיגער אנגעצויגנקייט: ״ליבע קינדער! לייבליכע ברידער! איך זע א צייט וואס די גאנצע וועלט איז פול מיט דער ברכה פון די געטער. די קינדער פון עשתורת פילן אן די וועלט מיט שיינקייט. ס׳בליט די וועלט מיט מענטשליכע חכמות, מיט ליבשאפט צום לעבן און צו די געטער. די געטער קוקן אראפ פון הימל מיט צופרידנהייט וואס די וועלט לעבט אויף. מאדערנע ציוויליזאציעס אנטוויקלען זיך, אט אט און די ליבשאפט צעגיסט זיך גאר און גאר איבער דער וועלט. דא קומט אבער אונטער א קינד פון גאר אנדערע וועלטן, פון אנדערע מציאות׳ן וואס זענען מיר נישט באקאנט, און...״ ער האט א שווערן אטעם געגעבן פאר ער האט ווייטער גערעדט: ״און זיי וועלן אויסרופן מלחמה קעגן גאט, קעגן מענטש און קעגן לעבן.״

״אוי אוי!״ האבן אלע אויסגערופן רייסנדיג די האר פון קאפ. ״ווי! אוודאי דאס קינד פונעם שטן. דאס קינד פון דעם גאט פון דער אונטערוועלט. ווי!״

די אויגן פונעם נביא האבן זיך געדרייט אין די לעכער גאר מאדנע, קענטיג אז ער שוועבט ווייט אוועק פון דער געגנווארט. די תלמידים האבן קיין אויג נישט אראפגענומען פון אים.

״הערט ווייטער קינדער פון בעל, זין פון עשתורת. אין יענעם טאג וואס דער שטורעם וועט ארויסגיין וועט זיין דער טאג פון אומגליק, דער טאג פון חורבן. ס׳וועט דער שטורעם ארויסגיין פון מזרח און פארשוועמען דעם מערב. דאס ארט פון קעניגרייך די געטער היינט, איז דאס ארט פון קבר די געטער מארגן. אולימפוס נעכטן איז וואטיקאנוס מארגן.״ דער קאפ זיינער איז געפאלן אויף הינטערוויילעכטס. נאך א צווייטן שווערן אטעם האט זיך ווייטער געהערט זיין שטימע:

״אין יענעם פינסטערן טאג וועלן די געטער זוכן א רעטונג, כאטש איין געטרייען מענטש, נאר קיין רחמנות אויף זיי וועט נישט זיין יענעם טאג.״ די פארזאמלטע האבן א טרייסל געגעבן דעם קערפער פון גרויל. ״מער נישט בעל, ווי מער נישט יופיטער, מער נישט עשתורת, ווי מער נישט ווענוס, מער נישט זעאוס, עפראדיטע, מער נישט דער טרויער אין אנדענק פונעם תמוז, ווי מער נישט דער טרויער נאך דעם זיסן אדוניס. נאר האס, נאר שנאה, נאר בלוט און שווערד נאך כופרים... בלוט... וואטיקאנוס, אולימפוס, א בראך! א בראך! ווייינט אלע פאר דעם חורבן פון דער וועלט.״ ער האט פארדעקט דאס פנים מיט די הענט און שטארק געוויינט. אלע פארזאמלטע האבן, ווי אין א כאר, גענומען קלאגן און שרייען. א לענגערע צייט איז דער קלאג אנגעגאנגען ביז דער נביא האט זיי פארשוויגן מיט פרישע שווארצע נבואות:

״הערט ליבע קינדער פון ארם, לייגט צו אן אויער זין פון צווי-טייכן-לאנד. נאכדעם וואס דער פייל פון מזרח וועט באזיגן דעם מערב, וועט עס אין א שפעטערער צייט ווידער אויסשיסן אין דעם ווייטערן אריענט. ס׳וועט אלע שיינהייטן פון גאר דעם מזרח צעברעכן און צעהאקן.״ די יללות האבן ווידער אויסגעבראכן פונדאסניי. דער נביא האט פארגעזעצט:

״די שנאה צו די געטער וועט איינדרינגען אין דעם בלוט פון אונזערע הייליגע זין און טעכטער און ביי זיי פאר׳סמ׳ען די נשמות. גלייך מיט די געטער וועלן זיי נישט וועלן געדענקען די פארלאפענע דורות. מיר, וואס האבן זיך פאר די געטער איבערגעגעבן, גלייך ווי די געטער פאר אונז, וועלן זיין פארשאלטן אינעם מויל פון די נאכקומענדע גענעראציאנען.״ מיט די ווערטער האט ער פארענדיגט דאס רעדן. ער האט געעפנט די אויגן, זיך ארומגעקוקט און דערזען דעם טיפן טרויער אויף די ארומיגע. די פנימ׳ער בלאס ווי קאלך, די האר צעלאשעט. דאס הארץ איז אים אליין פאר׳חלש׳ט געווען און ער האט געזוכט מיט וואס זיי צו טרייסטן. ער האט זיך אנגענומען מיט דעם רעשט ביסל כח וואס איז אין אים פארבליבן און געזאגט:

״שטייט אויף און רופט צו די געטער פון ארם, פאלט אויף די קניען. אז מיר וועלן שטארקן דעם כח פון די געטער קען זיין א

האפענונג אז זיי זאלן איבערקומען דעם טאג פון חורבן. גייט מיינע ליבע, גייט מיטן כח פון דעם אלמעכטיגן בעל, גיט אייער לעבן אוועק פאר זיין גרויסקייט, וועלן מיר אים דערמיט שטארקן, אפשר... אפשר וועט די וועלט אפגעראטעוועט ווערן. מי יתן...״

די בחורים האבן זיך שווערליך אויפגעשטעלט פון דער ערד אויף וועלכער זיי זענען געזעסן, זיי האבן אבער דעם צימער נישט גלייך פארלאזט. זיי זענען שוין געוואוינט געוועזן צו הערן פארשידענע נבואות פון דעם נביא, אויך גאנץ שווארצזעערישע, נאר אזא שרעקליכע ווי דאס איז זיי קיינמאל נישט אויסגעקומען צו הערן. די געטער? ווי קען דאס זיין מ׳זאל קענען זיי אונטערברענגען? איינער פון די תלמידים, א נידריג געוויקסיגער, האט באשלאסן דעם ענין אויסצוקלארן:

״הייליגער נביא! זענען נישט די געטער אומשטערבליך?״

״טייער קינד,״ האט דער נביא געענטפערט, ״פאר אט דעם פאלק איז קיין זאך נישט אומשטערבליך. איך ווייס נישט פון וואנעט זייער כח שטאמט, ווי דאס קומט אזא קראפט, וואס נאר געטער באזיצן, צו קינדער פון מענטשן. נישט נאר דאס, נאר אפילו מיט אומשטערבליכקייט זענען זיי באשאנקען, גלייך ווי די געטער.״ נאך א ווילע האט ער שטיל צוגעגעבן: ״ס׳הייסט אייגנטליך מער ווי די געטער. זיי וועלן די געטער איבערלעבן.״ ביי די ווערטער האט ער אראפגעלאזט זיין קאפ. זיין אטעם איז ווידער שווער געווארן, די אויגן האבן אנגעפאנגען זיך ווארפן ווי פריער, די תלמידים האבן געקוקט מיט אנגעצויגנקייט אויף זייער לערער. זיי האבן געהערט נאר צעהאקטע זאצן ארויסקומען פון זיין מויל: ״מאדנע... ווילד מאדנע... דער עונש פון די געטער? דער עונש? וועלן דען זיין געטער אין יענעם טאג? אין טאג פון טומל און כאאס?״ ער איז ענדליך צו זיך געקומען, זיין פנים האט געפלאמט פון היץ, ער האט זיך האסטיג אויפגעשטעלט און אנגעהויבן דאס מאל מיט א הויך קול צו דונערן:

״הערט אויס הייליגע קינדער, די וואס זענען ביי די געטער באליבט, נייגט אייער אויער צו הערן די ווערטער וואס קומען פון בלעם בעור׳ס, דער קנעכט פון גאט, וואס רעדט זיך דורך מיט ענגל און גייסטער, מיט נימפעס און געטער. קומט פאר אז דאס פאלק, אט דאס ווילדע פאלק וואס וועט קעגן די געטער ערוועקן דעם אויפשטאנד, אט די שונאים פון לוסטיגן לעבן, זיי אליין וועלן דעם גרעסטן פרייז דערפאר באצאלן. דאס פינטעלע מענטש אינעם הארץ פון אונזערע זין און טעכטער וועט אזוי שנעל נישט פארשווינדן. אונטערן דרוק פון דעם משונה׳דיגן פאלק וועלן זיי טאקע זיך לאזן אין כאאטישן וועג אריין, נאר דאס געטליכע פינטעלע וועט אין זיי מאנען און פאדערן זיך אומצוקערן אין גלייכן וועג. דעם פרייז פון מוטשען זיך, ביי די ריינע הערצעלעך וואס וועלן אזוי מיאוס פארפאלגט ווערן, וועט אט דאס פאלק באצאלן מיט אייגענעם בלוט. די שווערד וואס זיי האבן אויסגעשארפט קעגן כופרים וועט קעגן זיי אליין אנגעווענדן ווערן. ס׳וועט זיי נאכיאגן די נקמה פון די אלטע געטער, ס׳וועט נישט רוען ביז ס׳וועט די אלטע צייטן פון מענטשליכן לעבן זיך ווידער באנייען, ביז ס׳וועט דאס הארץ זיך באפרייען פון די תפיסה-קייטן אין וועלכע אט דאס פאלק האט אריינגעווארפן די מענטשהייט.״ ער האט אפגעשטעלט א רגע דעם פלוס פון רעדן און דערנאך פארגעזעצט:

״און נאר דאן ווען די וועלט וועט זיך צוביסליך אויסטשוכען פון די וועגן פון דעם אומגעוועגליכן פאלק, נאר דאן וועט לייכטער ווערן אויך די ליידן פון דעם פאלק. דאס אלטע לאנד וואס זיי האבן פארלוירן אלץ עונש פון די געטער וועלן זיי אפשר אויך צוריקגעווינען, וועלן זיי אנהויבן א ניי יונג פריש לעבן מיט דעם חסד פון די אומות. וועלן זיי קלוג זיין, וועלן זיי זיך באטראכטן איבער דעם וועג וואס האט זיי פארפלאנטערט און וועלן דאס נייע לעבן גרינדן גלייך מיט אלע, מער נישט מיט שנאה צום מענטש, צו סטאטוען, מער נישט קיין שנאה צו אפאלא און מארס. נאר דאס וועט שוין קיינעם נישט קימערן וויאזוי זיי פירן זיך, ווייל אין יענעם טאג וועט שוין דאס לעבן נישט זיין אין זיי אפהענגיג.״ די צוהערער האבן אפגעאטעמט א מינוט זוכנדיג א טרייסט אין די לעצטע ווערטער, נאר די שפאנונג איז נאך אלץ געווען הויך.

״וועט דאן די וועלט אויסגעלייזט ווערן?״ האט דאס נידריג געוויקסיג בחור׳ל געפרעגט

״וואס זאל איך דיר זאגן קינד מיינס? א פאלק וואס קערט איבער איין מאל א וועלט קען איבערקערן נאכאמאל. אויב נישט אין דעם פארעם קען זיין אין אן אנדער פארעם, מיט אנדערע לערעס און אנדערע געדאנקען. דערצו האט מען פון מיר נאכנישט אלעס געהערט.״ די אנגעצויגנקייט אינעם צימער האט זיך געלאזט שניידן מיט א מעסער. ס׳זענען אלע געבליבן צוגענאגלט אויף זייער פלאץ, האלטנדיג די אויגן אויפ׳ן נביא וואס האט ווייטער גערעדט:

״ס׳קען זייער זיין אז זיי וועלן חרטה האבן אויף דעם וועג אין וועלכן זיי האבן ביז דאן געשפאנט וואס האט נאר דער גאנצער וועלט, און זיי בפרט, אזויפיל צרות געברענגט. נאר היות אז די קערעלעך זענען שוין איינגעזייט איבער דער גארער וועלט, וועט פון מזרח אויסשפראצן די שווערד קעגן מערב, און ווידער באזונדערס קעגן אט דעם אימה׳דיגן פאלק, און וויפיל זיי זאלן נישט חרטה האבן אויף דער בלאטע אין וואס זיי האבן די גאנצע וועלט אריינגעפירט מיט זייער איבערקערעניש, וועט עס שוין מעגליך זיין צו שפעט. א פעקל זאמען וואס מ׳האט ארויסגעלאזט איבער דער גארער וועלט און ס׳האט שוין די פירות ארויסגעגעבן איז אוממעגליך אומצוקערן. ס׳וועט זיך אין זיי אנקלעבן אזוי לאנג ווי זיי לעבן. די גאנצע וועלט וועט ברענען אין דעם קריג. אוי אוי! שווער, שווער איז דער עתיד פונעם מענטש פון ווען דאס דאזיגע פאלק קומט אין זיין געשיכטע אריין. ווען ער זאל כאטש בלייבן אין זיין אייגענעם תחום און נישט ארויסרינען... דא קומט אבער זיין מאדנע טבע פון צעפלויגנקייט איבער גאר יעדן פלאץ, איבעראל וועט מען טרעפן שטיקער פון דעם פאלק, און אויף צו להכעיס וועט ער וועלן די גאנצע וועלט איבעראנדערשן. דערמיט וועט ער ברענגען די קללה אויף אלעמען און אויף זיך אליין. דערמיט וועט ער איבער זיך אנטון דעם צארן פון די געטער, וואס אויך אויב די לעצטע וועלן פארפאלן גיין אין שאול-תחתית וועלן זיי אבער איבערלאזן זייערע אייגענע קערעלעך וואס זאלן פירן אן אייביגע מלחמה מיט דעם פאלק. מיט זיין משונה׳דיגן קראפט וועט דאס פאלק ארויסווייזן וואונדער מיטן איבערקומען אלע פראבלעמען, נאר קיין רואיג לעבן וועלן זיי דערמיט נישט האבן. ווי שטארק ס׳איז זייער כח אזוי שווער וועט זיין זייער געשיכטע.״

ווי נאר ער האט געענדיגט די לעצטע ווערטער האט ער אין איילעניש פארלאזט דעם צימער איבערלאזנדיג די צוהערער אין שווערן שאק, ס׳האט קיינער נישט געוואוסט וואס מיט אים האט פאסירט. ווייזט אויס צו שטארק זיך איבערגענומען פון די אייגענע נבואות. די צעשרויפטע סטודענטן האבן זיך איבערגעבליקט איינער דעם אנדערן און צוביסלעכווייז פארלאזט דאס הויז פונעם נביא אין געפאלענע געמיטער.

צווייטער טייל וועט נאכפאלגן